**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/8/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול ווארנט ניו יארקערס וועגן פאטענציעלע וועטער באטרעפונגען אין ניו יארק סיטי, הודסאן וואלי, און קאפיטאל ראיאן

***דונערשטורעמעס און שווערע רעגנגאס מעגליך מיט פלעש-פלאד וואַטש אין קראפט פאר אראנדזש, ראקלענד, און סוליוואן קאונטיס***

***DEC און סטעיט פארקס גרייטן זיך פאר פאטענציעלע ברעג-ליניע באטרעפונגען אזוי ווי באדייטנד אויפגעשוואלענע האריקעין 'לערי' ערווארטעט צו גרייכן דעם מזרח ברעג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געווארנט ניו יארקערס וועגן פאטענציעלע וועטער באטרעפונגען אזוי ווי דונערשטורעמעס פעאיג צו פראדוצירן שווערע רעגנס זענען ערווארטעט אין ניו יארק סיטי, הודסאן וואלי, און קאפיטאל ראיאן געגנטער פון דער סטעיט שפעטער דעם נאכמיטאג און אנגייענד אריין אין דעם אוונט. דער הויפט דראונגען פון די שטורעמעס זענען שעדליכע ווינטן און מער רעגן אין ערטער וואס האבן לעצטנס דורכגעלעבט פארפלייצונגען, איבערהויפט אינער-שטאטישע, נידעריג-ליגנדע, און מיט וואסער-אפרינענדע ערטער. קורצע, איזאלירטע טארנעדאס קענען אויך פאסירן אזוי ווי דער וועטער סיסטעם ציעט זיך פון מערב אויף מזרח לענגאויס דעם סטעיט.

גאווערנער האקול האט אויך אנגעוויזן פאר סטעיט אגענטורן צו בלייבן אויף דער וואך און זיך גרייטן פאר ברעגע פאסירונגען אזוי ווי האריקעין 'לערי', וועלכע דרייט זיך איצט מזרח פון 'בערמודע', איז ערווארטעט אנצובערענגען באדייטנדע אויפגעשוואלונגען לענגאויס דער מזרח ברעג פון די פאראייניגטע שטאטן, וועלכס קען באטרעפן ניו יארק'ס ברעג-ליניע שפעטער דעם וואך.

"מיר האבן צוגעזעהן די ווייטאגליכע חורבנות איבערגעלאזט דורך די איבערבלייבענישן פון האריקעין 'איידע' און, פון גרויס באווארעניש, האלטן מיר א נאענטן אויג אויף די שטורעמעס פון דעם וואך און סיי וואספארא פאטענציעלע באטרעפונגען וועלן אנגעברענגט ווערן לענגאויס ניו יארק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בעט שטארק פון ניו יארקערס זיך צו גרייט מאכן פאר אומגינציגע וועטער וואס קען אנקומען אין אונזער ריכטונג און האלטן אן אויג אויף פארקעסטן."

פלעש-פלאד וואטשעס זענען ארויסגעגעבן געווארן פאר אראנדזש, ראקלענד, און סוליוואן קאונטיס פון דעם נאכמיטאג ביז שפעט היינט ביינאכט. פאמעליך-ציענדע דונערשטורעמעס קענען זיך ציען איבער טיילן פון דרום קעטסקילס היינט און האבן די פאטענציעל צו פראדוצירן שווערע רעגנגאס. געוויסע לאקאציעס קענען זעהן 1 צו 2 אינטשעס רעגן אין א קורצע צייט. די קאמבינאציע פון דורכגעווייקטע ערד אומשטענדן און שווערע רעגנס קען פירן צו שנעלע אפלויף און פלעש-פלאד אינצידענטן. פאר א פולע ליסטע פון וועטער ווארענונגען, ראטן, און די לעצטע פאראויס־באריכטן, באזוכט דעם נאציאנעלע וועטער סערוויס [וועבזייטל](#).

לויט דער נאציאנאלע האריקעין צענטער איז 'לערי' נישט ערווארטעט דירעקט זיך אנצושטויסן אין ניו יארק, אבער פונדעסטוועגן, זענענדיג די גרויסגייט פון דעם האריקעין, וועלן די אויפגעשוועלעכצער גאנץ

מעגליך ברענגען לעבנס-דראענדע ׳סורף ענד ריפ׳ אומשטענדן אויפ׳ן מזרח ברעג. גאווערנער האקול האט פאראָרדנט פאר עטליכע סטעיט אגענטורן צו האלטן אן אויג פאר ברעגע באטרעפונגען.

**אגענטור פארברייטערונגען**

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**

דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס אפעראציעס צענטער בלייבט אקטיווירט פאר׳ן אפרוף צו די חורבנות-ברענגנדע איבערבלייבענישן פון האריקעין ׳איידע׳ און האלטן א נאענטן אויג אויף וועטער אומשטענדן לענגאויס דעם סטעיט. דער דיוויזיע וועט קאארדינירן סיי וועלכע נויטיגע אפרוף אפעראציעס און בלייבן אין קאנטאקט מיט לאקאלע באאמטע דורכאויס דער וואך.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאל אפהיטונג**

דער ׳ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען׳ (DEC) האלט א נאענט אויג אויף דעם שטורעם פאר פאטענציעלע באטרעפונגען אויף ניו יארק׳ס ברעג-ליניע, און וועט אויספירן נאך-שטורעם ברעגע אינספעקציעס אפצושאצן אפשווענקונג און מעגליך תוצאות אויף פראיעקט איצט אונטערוועגנס. אין צוגאב וועט דער DEC, באזירט אויף דעם שטורעם׳ס ריכטונג, באשטימען אויב וועט זיך נויטיגן דאס פארשליסן געוויסע ערטער פאר ׳שעלפיש הארוועסטינג׳. נאך פארברייטערונגען וועלן געמאכט ווערן אויב וועט זיך ענדערן דער שטורעם׳ס ריכטונג.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג**

סטעיט פארק לייפגארדס האלטן א כסדר׳דיגע אויג אויף די ביטשעס פאר געפארפולע אומשטענדן. שווימען איז איצט פארבאטן צוליב אומרואיגע סורף וואסערן ביי דזשאנס ביטש, ראבערט מאזעס, און היטהער הילס סטעיט פארקס. אין צוגאב וועלן סטעיט פארק שטאב באפעסטיגן א באשיצונג זאמד-מויער פון דער מזרח באד-הויז ביז דער מערב באד-הויז דורך דער צענטראלער ׳מאָלל׳ ביי דזשאנס ביטש סטעיט פארק, ווי אויך גרייטן זיין צו זאמד-זעקלעך אויב נייטיג ביי דזשאנס ביטש, ראבערט מאזעס, און היטהער הילס סטעיט פארקס.

פאר מער אינפארמאציע וועגן האריקעין ׳לערי׳ס׳ גאנג און פאראויסגעזאגטע אנשטויסונגען, באזוכט דער נאציאנאלע האריקעין צענטער׳ס וועבזייטל [דא](#).

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט**

דער עם-טי-עי נעמט אלע נויטיגע באווארענישן צו באשיצן איר טראנספארטאציע נעטווארק קעגן שווערע רעגנס און אין דער זעלבער צייט זעצט פאר ווייטער צוצושטעלן זיכערע סערוויס פאר קאסטומערס. מיט דער שטורעם פאראויסגעזאגט צו אפעקטירן דער אונטערשטער טייל הודסאן וואלי פאקוסירט דער עם-טי-עי איר אויפמערקזאמקייט אויף מעטראָ-נאָרט רעילראָוד און, ווי אלעמאל, ארבעט נאענט מיט אנדערע אגענטורן צו בלייבן אויף דער וואך נאכצוקוקן אומשטענדן און קאארדינירן מיט ארטיגע מיטארבעטער צו זיין עקסטער באווארנט און אנטוויקלט פלענער אין פאל סערוויס וועט געשטערט ווערן.

אויף דער סאבוועי וועלן מעינטענענס איינגעשטעלטע איבערקוקן טרעק אפפליס אין פלעצער וועלכע שטייען אויס פארפלייצט צו ווערן, און אוועקשטעלן טרעק פאמפס און שטורעם קעסטלעך. דער עם-טי-

עי דערמוטיגט אירע קאסטומערס צו זיין ספעציעל באווארנט בשעת׳ן ארומפארן. דאס רעכנט אריין צולייגן עקסטערע צייט אויף אנצוקומען, זיין עקסטער באווארנט ווען מען גייט אויף די פלאטפארמעס און טרעפ, אפאכט געבן פאר גליטשיגע אומשטענדן און האלטן אן אויג אויף אויבן פאר צווייגן אדער דראטן.

**פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי**

די פארט אויטאריטעט האלט אן אויג אויף וועטער אומשטענדן איבער אירע אלע איינריכטונגען. דער אגענטור וועט ארויסגעבן רעגולערע מודעות און אפדעיטס לויט ווי עס נויטיגט זיך. פארער וועלכע ניצן פארט אויטאריטעט עירפארטס ווערן געבעטן צו רופן זייערע קעריערס פון פאראויס אין פאל פון שווערע וועטער אומשטענדן. פאר די לעצטע אינפארמאציע וועגן פארט אויטאריטעט איינריכטונגען, ביטע קוקט נאך אויף סאושעל מעדיע, שרייבט אייך איין פאר פי-עי מודעות, אדער דאונלאוד׳ט איינע פון די פי-עי מאביל עפס.

**שווערע וועטער סעיפטי עצות**

מאכט אייך גרייט פאר שווערע וועטער:

- זייט באוואוסטזיניג אויף דער קאונטי אין וועלכן איר וואוינט און די נעמען פון דערנעבנדע שטעט. שווערע וועטער ווארענונגען ווערן ארויסגעגעבן אויף א קאונטי באזיס.
- לערנט אייך די זיכערסטע וועג פון אייער היים אדער ביזנעס צו הויכע, זיכערע ערד אויב דארפט איר זיך גיך אפטראגן.
- שטעלט צוזאם און חזר׳ט זיך איין א ׳פאמיליע אנטלויפן׳ פלאן און אידענטיפיצירן א טרעף-פלאץ אויב פאמיליע מיטגלידער ווערן צוטיילט.
- מאכט א דעטאלירטע ליסטע פון אלע ווערטפולע חפצים, אריינגערעכנט מעבל, קליידונג, און אנדערע פערזענליכע אייגנטום. האלט דער ליסטע אין א זיכערער ארט.
- קלויבט אייך צוזאם עמערדזשענסי סופלייס פון עסנווארג אין קענס, מעדיצינען, און פירסט-עיד סופלייס און וואסער צו טרינקען. האלט טרונק-וואסער אין ריינע פארמאכטע קלאזעטס.
- פלאנירט וואס איר וועט טון מיט אייערע פּעטס.
- האלטס גרייט א באוועגיגע ראדיא, פלעשלייטס, עקסטערע באטעריעס, און עמערדזשענסי קעכערייַ אויסריכטונגען.
- לייגט אריין גאז אין אייער קאר פון פאראויס. אויב ווערט אויסגעלאשן די לעקטער וועלן גאזאלין סטאנציעס מעגליך נישט קענען געבן קיין ברענשטאף פאר עטליכע טעג. האלטס א קליינע דיזעסטער סופליי פעקל אין דעם טראַנק פון אייער קאר.

האלטס דיזעסטער סופלייס ביי דער האנט, אריינגערעכנט:

- פלעשלייט און עקסטערע באטעריעס
- באטעריע-אפערירטע ראדיא און עקסטערע באטעריעס
- פירסט-עיד קיט און אנווייז ביכל
- עמערדזשענסי עסנווארג און וואסער
- נישט-עלעקטרישע קען אָופּענער
- נייטיגע מעדיצינען
- טשעקבוק, קעש, קרעדיט קארטלעך, ATM קארטלעך

פאר מער סעיפטי עצות, באזוכט דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס סעיפטי עצות וועב זייטל אויף www.dhses.ny.gov/oem/safety-info/index.cfm.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן